בס"ד. שיחת יום ב׳ דר"ה (עש"ק) ה׳תשמ"א.

<u>הנחת הת׳ בלהי מוגה</u>

כ"ק אדמו"ר שליט"א נטל ידיו הק׳ לסעודה.

[צוה להכריז שאלו שעדיין לא נטלו ידיהם לסעודה - יטלו עכשיו.

אח"כ צוה להכריז שיאמרו לחיים לפני השקיעה. ואח"כ שאל אם יש עדיין "נמושות". ואח"כ אמר:]

א. אויף "אתם נצבים היום כולכם לפני ה׳ אלקיכם גו׳"[1] זאגט דער אלטער רבי[2] אז "היום" גייט אויף ראש השנה, און וויבאלד אז מ׳איז "נצבים . . לפני ה׳ אלקיכם" - דערפאר איז דאס אין אן אופן פון "כולכם", ד.ה. אז אלע אידן, פון "ראשיכם שבטיכם" ביז "חוטב עציך" און "שואב מימיך" און אלע דרגות שבינתיים, שטייען אין אן אופן פון "כולכם" (ווי ער איז דאדטן מפרש) - "לאחדים כאחד"[3].

וואס דאס איז ווי דער ענין פון "נצבים היום כולכם" טוט זיך אויף מצד מלמעלה, דורך דעם (וואס מ׳איז נצבים) "לפני ה׳ אלקיכם",

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיטן טייטש וואס ברענגט זיך אין חסידות[4] אויפן ווארט "נצבים" - אז דאס איז לשון נפעל, ד.ה. אז אידן ווערן "נצבים", אויפגעשטעלט, דורך דעם אויבערשטן;

עס דארף דאך אבער אויך זיין עבודת האדם, "קב שלו"[5], וואס דורך דערויף באקומט ער אויך די "תשעה קבים של חבירו"[5], וואס "חבירו" גייט אויפן אויבערשטן [ווי רש"י טייטשט אפ אין כסכה שבת[6] עה"פ[7] "רעך ורע אביך אל תעזוב", אז "רעך זה הקב"ה"], ד.ה. אז דורך עבודהו אין "קב שלו" האט ער אלע עשרה קבים ("קב שלו" און די "תשעה קבים של חבירו").

ב. וואס בכללות איז די עבודה פון א אידן אין דערויף - דאס וואס "ישראל (ד)קדשינהו לזמנים"[8], וואס דערפאר זאגט מען (בדר"ה) "מקדש ישראל ויום הזכרון".

נוסף לזה: דורך דערויף וואס אידן קלייבן זיך צוזאמען "כאיש אחד בלב אחד"[9], צוליב איין מטרה און איין ענין -

- סוען -

------------

1) נצבים כט, ט-י. 2) בלקו"ת ר"פ נצבים. וראה זח"ב לב, ב. 3) וראה לקו"ש ח"ד ע׳ 1141 ואילך. 4) אוה"ת נצבים ע׳ א׳קפט. 5) ל׳ חז"ל - ב"מ לח, א. 6) לא, א - ד"ה דעלך. 7) משלי כז, י. וראה פרש"י עה"פ. שכו"ר רפכ"ז. 8) ברכות כט, א. 9) פרש"י עה"פ יתרו יט, ב.

טוען זיי אויף ע"י עבודהם דעם ענין פון "נצבים היום כולכם".

ובפרט ווען מ׳פארבינדט דאס (דעם צוזאמענקלייבן זיך) מיט אן ענין גשמי וואס ווערט "דם ובשר כבשרו"[10] - מיט זאגן לחיים, וואס דעמולט זאגן רז"ל[11] אז "גדולה לגימה שמקרבת כו׳".

ובפרט אז דאס איז אויך פארבונדן מיט א יום טוב, ראש השנה, וואס אויף אים שטייט[12] "חדות ה׳ היא מעוזכם", און אז דעמולט דארף זיין "שתו ממתקים" נוסף צו "אכלו משמנים"[13].

ובפרט נאך אז דאס איז א ר"ה פון א שנת הקהל, וואס דאס הויבט זיך שוין אן פון ר"ה פון דעם יאר, ווי דער פסוק[14] זאגט אז "מקץ שבע שנים" דארף זיין הקהל, וואס "מקץ שבע שנים" הויבט זיך שוין אן פון ר"ה,

ובפרט לויט דעם וואס תסידות[15] איז מבאר עה"פ[16] "בכסה ליום חגינו", אז די ענינים פון "חגינו", חג הסוכות, זיינען שוין דא בר"ה אין אן אופן פון "בכסה", וואס דערפאר איז דער ענין פון הקהל וואס איז דאך בחג הסוכות - איז שוין דא בד"ה אין אן אופן פון "בכסה".

וואס מכל זה מובן אז איצטער איז ניט קיין זמן אויף דינגען זיך און פראוועץ עניוות און פרישות - נאר יעדער איינער זאל נאך אדיינכאפן און זאגן לחיים נאך פאר דער שקיעה.

ויה"ר אז עס זאלן זיך אויפטאן אלע ענינים וואס דארפן זיך דורך די פעולות אויפטאן.

אח"כ אמר: דא איז ניט אזוי נוגע דער פרסום בדבר (אין זאגן לחיים) - נאר דער עיקר איז די מעשה בפועל, אז מ׳זאל נעמען א ביסל משקה, און נאך בעסער - יין, וואס איז "משמח אלקים ואנשים"[17], וואס דערפאר איז דאס פארבונדן מיט א שמחה גדולה[17], און דאס זאל ווערן דם ובשר כבשרו,

ובפרט אז דאס איז פארבונדן מיט ר"ה און מיט הקהל, און מ׳טוט דאס אין א "בית גדול"[18], "מקום שמגדלין בו תורה"[19], וואו עס זיינען דא שיעורי תורה, און "מקום שמגדלין בו תפלה"[20].

- צוה -

---

10) ל׳ אדה"ז בתניא פ"ה (ט, סע"ב). 11) סנהדרין קג, ב. 12) נחמי׳ ח, י. 13) נחמי׳ שם. ב"י או"ח סתקפ"ג. שו"ע אדה"ז שם ס"ד. 14) וילך לא, י. 15) סידור רלה, ב. וראה גם לקו"ת ר"ה נד, ריש ע"ד. סד"ה לולב וערבה תרס"ו. ובכ"מ. 16) תהלים פא, ד. וראה ר"ה ה, סע"א ואילך. 17) שופטים ט, יג. 18) ראה ברכות לה, א. 19) ל׳ הכהוב - מ"ב כה, ט. 20) מגילה כז, א.

צוה לנגן שלש תנועות (דהבעש"ט המגיד ואדה"ז). ניגון מאדמו"ר הזקן [התחילו לנגן אבינו מלכנו, ואמר כ"ק אדמו"ר שליט"א: שבת זאגט מען נים קיין אבינו מלכנו[21]. וניגנו הניגון לקראת שבת]. ניגון אדמו"ר האמצעי. ניגון אדמו"ר הצ"צ. ניגון אדמו"ר מהר"ש. ניגון אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע. הבינוני. אתה בחרתנו.

* * *

ג. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה זה היום תחלת מעשיך.

* * *

ד. דער ענין פון "זה היום תחלת מעשיך" און דער חילוק צווישן "זה" מיט "כה" (וואס עס האט זיך גערעדט אין מאמר) - רעדט זיך אויך אין די דרושים פון דעם צ"צ[22]. ונוסף לזה: די הגהות וביאורים (בחצע"ג) אין לקו"ת[23] וואס רעדן וועגן דעם ענין - זיינען, כנראה, פון דעם צ"צ.

וואס דער ענין פון ר"ה ("זה היום תחלת מעשיך") האט אויך א שייכות מיוחדת מיט דעם צ"צ, ווארום זיין יום הולדת איז געווען בערב ר"ה[24], און זיין ברית איז געווען אין די עשרה ימים שבין ר"ה ליוהכ"פ.

און ווי גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות[25], אז בשעת דער צ"צ איז געבארן געווארן, האט זיין זיידע, דער אלטער רבי, געזאגט הורה אויף "משביעין אותו תהי צדיק כו׳"[26] (וואס דאס איז דערנאך געווארן די ערשטע דריי פרקים פון תניא)[27].

וואס "משביעין אותו תהי צדיק כו׳" איז פארבונדן מיט הולדת הצ"צ - ווארום דער ענין פון "משביעין אותו תהי צדיק כו׳" איז בא יעדער אידישן קינד איידער ער ווערט געבארן און איז יוצא לאויר העולם.

ה. דאס (הולדת הצ"צ און אז דעמולט איז "משביעין אותו כו׳") איז אויך פארבונדן במיוחד מיט ר"ה:

בר"ה איז געווען בריאה אדם הראשון, וואס דאס איז בדוגמא צו ירידה הנשמה בגוף און הולדת פון יעדער מענטשן, ובפרט פון יעדער איד - ווארום "אתם קרויין אדם"[28],

- און -

---

21) רמ"א או"ח סתקפ"ד ס"א. שו"ע אדה"ז שם ס"ח.
22) אוה"ת ר"ה ע׳ א׳תלב ואילך. 23) נצבים מז, ב ואילך.
24) "היום יום" ס"ע צא. 25) דאור לערב ר"ה. 26) נדה ל, ב. 27) "היום יום" ע׳ לד. 28) יבמות סא, רע"א. וראה לקו"ת נצבים שם.



הנחת הת׳ בלתי מוגה

און ווי די משנה[29] זאגט אז יעדער מענטש איז אן "עולם מלא", אזוי ווי אדה"ר וואס "נברא יחידי", און נאכמער: כדי מ'זאל וויסן היינט אז יעדער מענטש איז אן "עולם מלא", "לפיכך נברא האדם יחידי" מיט טויזנטער יארן צוריק!

וואס דאס איז נאכמער מדגיש דעם קשר צווישן בריאת אדה"ר (בר"ה) מיט דער הולדת פון יעדן קינד.

און וויבאלד בכל שנה ושנה אין דעם זמן פון ר"ה איז "נזכרים ונעשים"[30] - עס חזר'ן זיך איבער די ענינים וואס האבן געטראפן בר"ה בפעם הראשונה, כולל אויך דאס וואס אדה"ר איז באשאפן געווארן בר"ה[31] - איז פארשטאנדיק, אז ר"ה בכל שנה ושנה איז דער הולדת פון יעדן אידן.

ויש לומר אז דערפאר האט דער אלטער רבי געזאגט די תורה אויף "משביעין אותו כו׳" בערב ר"ה - ווארום וויבאלד אז די הולדת פון יעדן אידן (וואס איז בדוגמא ווי בריאת אדה"ר) איז בר"ה עצמו, דארף דאך דער "משביעין אותו כו׳" זיין פאר יציאת הילד לאויר העולם, וואס דאס איז בערב ר"ה

[אע"פ וואס בפעם הראשונה (בשעת בריאת אדה"ר) זיינען אין דעם טאג פון ר"ה גופא געווען כמה שעות ביום פאר בריאת אדה"ר, ווי די גמרא אין סנהדרין[32] רעכנט אויס בפרטיות ווי אזוי בריאת האדם האט זיך אויסגעשטעלט אין די שעות היום].

ו. בקביעות שנה זו קומט צו נאכמער הדגשה אין דעם "נזכרים ונעשים" פון ר"ה (און פון בריאת אדה"ר):

בריאת אדה"ר (ר"ה) בפעם הראשונה איז געווען ביום ו׳ בשבוע.

ס'איז דאך אבער דא דער כלל אז "לא אד"ו ראש" [ווי דער רמב"ם[33] ברענגט אראפ, ביז אז לדעת הרס"ג[34] איז דאס מדאורייתא], ד.ה. אז ר"ה קען ניט אויסקומען ביום ו׳ בשבוע ווי דאס איז געווען בפעם הראשונה;

די איינציקע מעגליכקייט אז ר"ה זאל אויסקומען ביום ו׳ בשבוע - איז דאס כבקביעות שנה זו, וואס יום ב׳ דר"ה איז ביום ו׳ בשבוע.

ואע"פ אז לכאורה איז דאס מערניט ווי יום ב׳ דר"ה און

- ניט -

---

29) סנהדרין לז, סע"א. 30) ל׳ הכתוב - אסתר ט, כח. וראה רמ"ז בס׳ תיקון שובבים. הובא ונתבאר בס׳ לב דוד (להחיד"א) פכ"ט. 31) לקו"ה שה"ש נ, ב. 32) לח, ב.
33) הל׳ קדה"ח פ"ז ה"א. וראה גם טור או"ח ר"ס תכח.
34) הובא ביסוד עולם שער ד פ"ו.



הנחה הת׳ בלתי מוגה

ניט יום א' דר"ה - איז אבער ביידע טעג פון ר"ה זיינען א "יומא אריכא", איין לאנגער טאג[35].

וואס עפ"ז קומט אויס, אז בקביעות שנה זו איז ר"ה אין דעם טאג פון בריאת אדה"ר אזוי ווי דאס איז געווען בפעם הראשונה - ביום ו' בשבוע,

און דער יום ו' בשבוע גופא, זמן בריאת אדה"ר - קומט אויס בסוף פון דעם "יומא אריכא" (וואס דאס איז ביום ב' דר"ה) - בדוגמא ווי ס'איז געווען בפעם הראשונה, אז בריאת אדה"ר איז געווען בסוף יום הששי.

ז. כאן המקום להעיר בנוגע צו דעם וואס ר"ה איז צוויי טעג,

[וואס דאס איז ניט נאר אין חוץ לארץ נאר אויך אין ארץ ישראל[36],

וואס אין דערויף איז מודגש דער ענין פון "(אתם נצבים היום) כולכם", ווארום אלע ימים טובים איז דאך דא א חילוק צווישן חו"ל און א"י, וואס אין חו"ל פראוועט מען א יו"ט שני של גליות, משא"כ אין א"י; משא"כ ר"ה פראוועט מען צוויי טעג סיי אין א"י ("ארץ אשר גו' עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[37]), און סיי אין חו"ל, וואס דארטן געפינט זיך רוב מנין ורוב בנין פון אידן, ביז משיח צדקנו וועט זיי ברענגען אין א"י].

וואס כותבי הזמריכים זוכן אויף דערויף (אז ר"ה איז צוויי טעג) א מקור.

געפינט מען אויף דערויף א מקור אין א בפירוש'ן פסוק אין תושב"כ:

אין נחמי' [וואס דער אלטער רבי רופט אים אן בשו"ע שלו (בהלכות ר"ה)[38] מיטן נאמען "עזרא"] קאפיטל ח, בהמשך לזה וואס ער דערציילט וואס איז פארגעקומען "ביום אחד לחודש השביעי", אין דעם טאג פון ר"ה - אז מ'האט אנגעזאגט אידן "אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות לאין נכון לו כי קדוש היום לאדונינו ואל העצבו כי חדות ה' היא מעוזכם", און דערנאך[39] - אז אידן האבן אזוי געטאן בפועל, "וילכו כל

- העם -

---

35) טור או"ח ר"ס תר. שו"ע אדה"ז שם ס"ג-ד. וראה בהנסמן ב"מ"מ וציונים" שם. 36) שו"ע או"ח סתר"א ס"ב. וראה לקו"ש ח"ט ע' 370 בהערות ובהנסמן שם. 37) עקב יא, יב. 38) או"ח סתקפ"ג ס"ד. וכ"ה גם בב"י שבהע' 13. וראה לקו"ש חי"ד ע' 370 הע' 13. שיחת ש"פ תבוא ח"י אלול ש.ז. ספ"ח-פט. 39) פסוק יב.

העם לאכול ולשתות ולשלח מנות ולעשוה שמחה גדולה גו׳" - שטייט[40] "וביום השני גו׳",

טייטשן מפרשים[41] אז "ביום השני" מיינט (ניט דער טאג וואס קומט נאך ר"ה, נאר) "ביום השני של ראש השנה",

און מ׳איז מפרש[42] (פון דברי רז"ל[43]) דעם טעם לזה אז עס זיינען דעמולט געווען צוויי טעג פון ר"ה, ווארום בימי עזרא האט מען מעבר געווען חודש אלול, אז עס זאל זיין ל׳ יום.

ח. הנזכר לעיל פון נחמי׳ אז ב(יום א׳ ד)ר"ה איז געווען "וילכו כל העם לאכול גו׳ ולעשות שמחה גדולה" - איז ע"ד ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר שרייבט אין סה"מ תש"ג בתחלתו[44], אז מ׳זעט במלכותא דארעא אז בשעת מ׳איז מכתיר א מלך איז "ההכתרה באה בשמחה גדולה כו׳",

און וויבאלד אז "מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא"[45], איז דערפאר אויך הכתרת המלך אין מלכותא דרקיעא-- בשעת מ׳איז מכתיר דעם אויבערשטן בר"ה - בשמחה גדולה.

ט. א מאמר המוסגר:

אויף דערויף וואס מ׳זאגט אז וויבאלד "מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא", איז אזוי ווי אין מלכותא דארעא איז הכתרת המלך בשמחה גדולה, אזוי איז אויך אין מלכותא דרקיעא - איז דאך דא די שאלה:

דער אויבערשטער איז דאך ניט מוכרח צו טאן די ענינים למעלה ווי זיי זיינען למטה - איז ווי אזוי זאגט מען "דערפאר", אז וויבאלד אין מלכותא דארעא איז הכתרת המלך בשמחה גדולה, דערפאר איז הכתרת המלך אין מלכותא דרקיעא אויך באופן זה?!

עד"ז איז די שאלה בנוגע צו אלע משלים וואס ברענגען זיך אין חסידות און אין מאמרי רז"ל אויף דעם אויבערשטן, "משל למה הדבר דומה למלך בשר ודם" וכיו"ב - ווי קען מען זאגן אז אן ענין איז אין א געוויסער אופן למעלה, בא דעם אויבערשטן, דערפאר וואס אזוי איז דאס למטה?!

וואס די שאלה איז אויך בנוגע צו דעם משל וואס דער מגיד ברענגט[46], אז אזוי ווי ביי אן אב דא למטה איז נחקק

- במחשבתו -

------------

40) פסוק יג. 41) פרש"י ומצו"ד עה"פ. ועוד. 42) מצו"ד שם. 43) ראה ביצה ו, א ובפרש"י שם ד"ה מימות. ועוד. 44) ד"ה יו"ט של ר"ה פ"ב. 45) ברכות נח, א. וראה זח"ג קעו, ב. 46) בספרו או"ה (ב, ג).

במחשבתו צורת הבן, אזוי איז אויך למעלה, אז נשמות ישראל זיינען חקוק במחשבתו פון דעם אויבערשטן [מיט דעם חילוק, אז אין דעם משל בא דעם אב, וואס ער איז א בשר ודם, איז "מי שלא הי' לו בן מעולם לא יכול לומר שיהא נחקק במחשבתו צורת הבן שיהי' לו אחר כך . . אבל אצל השם יתברך . . אף קודם שנבראו ישראל הי' נחקק צורתם במחשבה . . כי אצלו יתברך העבר והעתיד א'"].

י. והביאור בזה:

ס'איז ניט דער פשט אז וויבאלד דער ענין איז אזוי למטה דערפאר איז דאס אזוי אויך למעלה, נאר פארקערט: דערפון וואס מ'זעט ווי דער ענין איז למטה ווייס מען, און דאס איז א ראי', ווי דער ענין איז למעלה,

נאכמער: וויבאלד אז דער ענין איז אזוי למעלה, איז "נשתלשלו מהן"[47], און עס ווערט אזוי אויך למטה, ובמילא אז מ'וויל וויסן ווי אן ענין איז למעלה, דארף מען זיך צוקוקן ווי דער ענין איז למטה און דערפון האט מען א ראי' ווי דאס איז למעלה.

און אזוי איז דאס בנוגע צו אלע משלים.

דער טעם פארוואס דער אויבערשטער האט עס אזוי אויסגעשטעלט, איז - כדי עס זאל זיין "מבשרי אחזה אלוקה"[48], און ער וויל אז זיינע ענינים זאלן זיין ניט נאר אין אן אופן פון אמונה, נאר אויך אין אן אופן פון ידיעה, ווי דער דיוק הלשון פון דעם רמב"ם[49] איז "לידע" און ניט "להאמין", כמדובר כמ"פ[50],

[וואס דאס איז אויך דער ביאור אין דער שאלה וואס דער צ"צ ברענגט אין סהמ"צ שלו[51]: ווי איז שייך זאגן א ציווי אויף אמונה בה', בשעת דאס איז דער יסוד און די הקדמה פון אלע מצוות וציוויים?

און ער איז דארטן מבאר, אז נוסף אויף דעם ביאור אז דער ציווי איז אויף דער אמונה אין די פרטים - איז עוד ועיקר: דער ציווי איז (ניט נאר "להאמין" נאר אויך) "<u>לידע</u> שיש שם מצוי ראשון"].

וואס דערפאר דארף מען האבן משלים וואס געפינען זיך למטה אין עוה"ז בכדי צו פארשטיין בידיעה ווי די ענינים זיינען למעלה - "מבשרי אחזה אלוקה".

- ועד"ז -

---

47) ראה תניא רפ"ג. 48) איוב יט, כו. 49) ריש הל' יסוה"ת. וראה קונטרס תורת החסידות פי"ג. 50) ראה לקו"ש חי"א ס"ע 279 ואילך. 51) מצות האמנת אלקות (מד, ב ואילך).



<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

ועד"ז איז אויך בנוגע צו דעם אדם למטה, אז ער איז "אדמה לעליון"[52], ובבילא קען מען וויסן פון א מלך דא למטה ווי איז מלך מלכי המלכים הקב"ה, און פון אן אב דא למטה, ווי איז אבינו שבשמים.

ועד"ז איז מובן בנוגע צו דעם וואס עס שטייט אין סה"מ תש"ג, אז דערפון וואס מ׳זעט אז הכתרת המלך אין מלכותא דארעא איז "באה בשמחה גדולה", ווייסט מען אז אזוי איז אויך הכתרת המלך אין מלכותא דרקיעא.

עד כאן מאמר המוסגר.

יא. ווי גערעדט פריער (ס"ז) אז בהמשך לזה וואס עס שטייט אין נחמי׳ אז ביום א׳ דר"ה איז "וילכו כל העם לאכול גו׳ ולעשות שמחה גדולה", זאגט דער פסוק אז דערנאך איז געווען א יום שני פון ר"ה.

דערציילט דער פסוק[53] וואס איז דעמולט (ביום השני דר"ה) געווען: "וביום השני נאספו ראשי האבות לכל העם הכהנים והלוים אל עזרא הסופר ולהשכיל אל דברי התורה, וימצאו כתוב בתורה אשר צוה ה׳ ביד משה אשר ישבו בני ישראל בסוכות בחג בחודש השביעי",

און עזרא האט זיי דעמולט אנגעזאגט "אשר ישמיעו ויעבירו קול בכל עריהם ובירושלים לאמר צאו ההר והביאו עלי זית ועלי עץ שמן ועלי הדס ועלי תמרים ועלי עץ עבות לעשות סוכות ככתוב".

דער לשון "צאו ההר גו׳" איז ע"ד ווי דער לשון וואס שטייט אין חגי[54] אז "בחודש הששי (חודש אלול) ביום אחד לחודש" האט דער אויבערשטער געזאגט "העם הזה אמרו לא עת בא עת בית ה׳ להבנות", און בהמשך לזה[55] האט ער געזאגט "עלו ההר והבאתם עץ ובנו הבית גו׳" (ווי גערעדט וועגן דערויף אין דער התוועדות פון ר"ה אלול);

ס׳איז אבער דא א חילוק ביניהם, אז דא שטייט "צאו ההר" און דארטן שטייט "עלו ההר", וואס דער ביאור החילוק איז בפשטות:

אין חגי רעדט זיך וועגן א מעמד ומצב קודם שנבנה הבית און מ׳דארף ערשט גיין בויען דעם ביהמ"ק - איז דאך דאס אן עלי׳ פון א מצב נמוך פון קודם שנבנה הבית צו א מצב פון בנין הבית, דערפאר זאגט ער דעם לשון "עלו ההר גו׳"; משא"כ

- אין -

---

52) של"ה כ, ב. שא, ב. ובכ"מ. 53) פסוק יג ואילך.
54) א, א-ב. 55) שם, ח.



הנחה הת׳ בלתי מוגה

אין נחמי׳ רעדט זיך וועגן א מעמד ומצב וואס ס׳איז שוין דא דער ביהמ"ק (ווי ער זאגט אין די ווייטערדיקע פסוקים), און מ׳דארף מערניט ווי אהינצו גיין - "צאו ההר גו׳".

וואס אע"פ אז באותו יום, ביום ב׳ דר"ה, האבן אידן נאך ניט מקיים געווען מצות סוכה בפועל - ווייבאלד אבער אז זיי האבן שוין דעמולט מחליט געווען און אנגענומען אז זיי וועלן מקיים זיין דאס וואס עזרא האט זיי געזאגט, "אשר ישמיעו ויעבירו קול בכל עריהם ובירושלים לאמר צאו ההר גו׳" - איז "מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה"[56], במילא איז מען בשעת דער מחשבה טובה שוין פארזיכערט אז דאס וועט אראפקומען אין א מעשה בפועל.

און נאכמער:

אויפן פסוק[57] "וילכו ויעשו בני ישראל כאשר צוה ה׳ את משה ואהרן" בנוגע צו קרבן פסח, פרעגט רש"י[58] "וכי כבר עשו והלא מראש חודש נאמר להם", און ער פארענטפערט: "אלא מכיון שקבלו עליהם מעלה עליהם הכתוב כאילו עשו", ביז אז אין פסוק שטייט "ויעשו" אן א כ"ף הדמיון.

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דער החלטה פון די אידן דעמולט, ביום ב׳ דר"ה, בנוגע מצות סוכה - אז שוין דעמולט ווערט דאס פאררעכנט ווי זיי האבן דאס געטאן בפועל.

יב. דערנאך דערציילט דער פסוק[59] ווי די אידן האבן מקיים געווען בפועל מצות סוכה: "ויצאו העם ויביאו ויעשו להם סוכות איש על גגו ובחצרותיהם ובחצרות בית האלקים וברחוב שער המים וברחוב שער אפרים", און "ותהי שמחה גדולה מאד", און (ווי ער זאגט פריער אין פסוק) דאס איז געווען אזא גרויסע שמחה אז פון די צייטן פון יהושע בן נון איז ניט געווען אזא שמחה[60].

וואס בקשר מים רעם פסוק "ויצאו העם ויביאו ויעשו להם סוכות איש על גגו ובחצרותיהם ובחצרות בית האלקים גו׳", שטייט אין השובות הגאונים[61], אז מ׳האט בא זיי געפרעגט א שאלה צי ב׳דארף מאכן א סוכה (אויך) אין א בית-הכנסת.

איז לכהחלה די הו"א אז מ׳דארף ניט, ווארום א סוכה דארף זיין "(תשבו) כעין תדורו"[62], דארף מען מאכן א סוכה

- נאר -

---

56) ראה קידושין מ, א. וראה סה"מ תש"ב ע׳ 87. 57) בא יב, כח. 58) ממכילתא עה"פ. 59) נחמי׳ שם, טז-יז. 60) ראה מצו"ד עה"פ. 61) אוצר הגאונים לסוכה סנ"א-נג. וש"נ. 62) סוכה כח, ב.

נאר אין דער אייגענער דירה, משא"כ אין א ביהכנ"ס וואס איז ניט "כעין הדורו" - דארף מען דארטן ניט מאכן קיין סוכה.

אבער דערנאך איז ער ממשיך אין דער תשובה, אז מ׳דארף יע מאכן א סוכה אין א ביהכנ"ס פאר אורחים [און ווי ער זאגט דארטן, אז אין באגדאד (וואס דארטן האבן געוואוינט כמה גאונים) האט מען געמאכט סוכות בבתי כנסיות שלהן], און ער ברענגט דארטן אויך אז אזוי איז געווען אין מקדש פון דעם פסוק אין נחמי׳ וואו עס שטייט אז "ויעשו להם סוכות . . בחצרות בית האלקים".

און דערנאך איז ער מסיים אין דער תשובה "וכן מנהג ישראל" - אז אזוי איז מנהג ישראל לדורות.

יג. פון כל הנ"ל (פון דעם וואס ווערט דערציילט אין נחמי׳, און פון די תשובות הגאונים מיט די פרטים שבזה) קען מען ארויסנעמען כמה הוראה.

איינע פון זיי: ביום ב׳ דר"ה דארף מען זיך שוין גרייטן צו חג הסוכות, און מחליט זיין אז מ׳וועט טאן אלע ענינים וואס מ׳דארף טאן בחג הסוכות, ביז אין אן אופן פון "שמחה גדולה מאד".

[ובפרט לפי המבואר אין חסידות, אז בר"ה זיינען דא אלע ענינים פון "חגינו", חג הסוכות, אין אן אופן פון "בכסה" (כנ"ל ס"ב)].

ובנוגע לפועל:

אזוי ווי מ׳האט גערעדט אין די פריערדיקע התוועדויות[63], ובשנים שלפנ"ז[64], וועגן דעם ענין פון "ושלחו מנות לאין נכון לו" וואס דארף זיין בר"ה -

עד"ז דארף מען טאן אויך בנוגע צו חג הסוכות - צושטעלן אלע ענינים וואס אידן דארפן האבן כדי צו קענען פראווען חג הסוכות מתוך שמחה, ביז מיט א "שמחה גדולה מאד".

ועד"ז דארף מען אויך טאן בנוגע צו אלע ימים שבינתיים (צווישן ר"ה און חג הסוכות), אז זיי זאלן זיין טעג אנגעפילטע מיט שמחה, און "שמחה גדולה מאד",

וואס דאס טוט מען אויף ביי אלע אידן דורך דערויף וואס מ׳שטעלט צו די וואס דארפן עפעס האבן בכדי צו זיין בשמחה וטוב לבב - די ענינים וואס זיי דארפן האבן.

- ביז -

---

63) שיחת ש"פ הבוא ח"י אלול ס"צ ואילך. ש"פ נצבים ס"ט ואילך.
64) ראה לקו"ש חי"ד ע׳ 369 ואילך.



הנחת הת׳ בלתי מוגה

ביז אז מ׳קומט צו "שמחת עולם על ראשם"[65], וואס דאס איז פארבונדן מיט דער גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

וואס "יבנה מקדש במקומו", און דערנאך "יקבץ נדחי ישראל"[66], אין אן אופן פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף וגרך אשר בשעריך"[67] אין דעם יאר וואס איז א שנת הקהל, שנת תשמ"א, הבא לקראתנו לטובה ולברכה.

און נאך פאר דעדויף זאל זיין "נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים" בספרן של צדיקים גמורים[68], וואס "עמך כולם צדיקים"[69] - אז עס זאל זיין א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה ולמטה מעשרה טפחים,

און במהרה בימינו ממש.

ברך ברכת המזון. ואח"כ אמר: כוס של ברכה וועט מען בלי-נדר טיילן נאך דער התוועדות מארגן (שבת) בצהרים.

---

65) ישעי׳ לה, י. נא, יא. 66) רמב"ם הל׳ מלכים ספי"א.
67) וילך לא, יב. 68) ר"ה טז, ב. 69) ישעי׳ ס, כא.



הנהת הת׳ בלתי מוגה